ת"ת תורה ויראה
דרבי"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתצ"ה
פרשת פינחס
שנת תשפ"ה לפ"ק

ז' תקז) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ג ר' אלימלך שלמה שווארץ שליט"א** שו"ב ומגי"ש בקהלתינו הק'

## אז ימלא שחוק פינו

איך האב געהערט פון **כ"ק הגה"צ מוואוידיסלאוו זלה"ה** אז ווען מען האט אים אויפגענומען אלס רב אין וואוידיסלאוו בשנת תר"פ, אין יענע טעג צווישן מנחה מעריב איז אנגעקומען א איד אין שטאט, דער וואוידיסלאוואר רב האט געזאגט "איך האב דעם איד נישט געזעהן קיינמאל בעפאר, און קיינמאל נאכדעם".

האט דער איד דערציילט אז מיט פערציג יאר פריער איז ער געווען ביים **טריסקער מגיד** זלה"ה - א זון פון הרה"ק רבי **מאטעלע טשערנאבלער** זלה"ה - און ער האט געהערט פון אים א דבר תורה.

ער האט זיך געשטעלט אויפן פסוק (תהלים קכט) "**אז ימלא שחוק פינו**", ווען משיח וועט קומען וועט אונזער מויל אנגעפולט ווערן מיט שחוק, לכאורה וואלט געדארפט שטיין א לשון "**אז ימלא שמחה על לבנו**", ווייל שחוק מיינט דאך א געלעכטער, וואס האט א 'געלעכטער' מיט ביאת הגואל?

האט דער טריסקער מגיד געענטפערט "ס'וועט זיינס יענס געלעכטער, ווען משיח וועט אנקומען, און מ'וועט יעדער זעהן אז ער איז נישט געקומען צום טאטן דער **טשערנאבלער מגיד**, ער איז נישט געקומען צום זיידן דער מאור עינים, ער איז נישט געקומען צום הייליגן זיידן דער **בעל שם טוב הקדוש** זי"ע, ער איז נישט געקומען צום אריה"ק זלה"ה, נאר אין אונזערע צייטן איז ער געקומען, דאס וועט זיין יענס געלעכטער"...

דער וואוידיסלאוואר רב האט אויסגעפירט "דאס געלעכטער ווערט יעדעס יאר אלס גרעסער און גרעסער"...

ז' תקח) עס האט דערציילט אונזער עלטער פעטער
**הר"ר אברהם מאיר גלאנצער ע"ה** אנטווערפען

## א בן נח איז נישט מצוה

בשנת תשי"ב ווען כ"ק מרן **רביה"ק זי"ע** איז געווען אין אנטווערפן האבן די ראשי הקהילה אין די שטאט געבעטן דעם רבי'ן אז ער זאל נישט גיין אויפן גאס מיט א שטריימל. ווייל אין יענע צייט איז נאך קיינער נישט געגאנגען מיט א שטריימל אויף די גאס, אפילו די חסיד'ישע אידן האבן אנגעטון דעם שטריימל נאר אינדערהיים, און זיי האבן געזאגט אז דאס גיין מיטן שטריימל אויפן גאס וועט גורם זיין א חילול השם. כמובן אז דער רבי האט זיך נישט גערעכנט מיט זייער בקשה, און ער איז יא געגאנגען געהעריג מיטן שטריימל אויף די גאס.

שבת צופרי אויפן וועג אהיים פון די מקוה, ווען דער רבי איז געגאנגען מיטן שטריימל אויפן קאפ, באגלייט מיט א צאל חסידים, איז אריבער אן אלטער גוי, און זעהנדיג די קבוצה האט ער אויסגעטוהן זיין הוט און זיך פארנויגט מיט יראת הכבוד, האט זיך דער רבי אנגערופן "**ער מוז זיין א בן נח, וואס איז נישט מצווה אויף חילול השם**"...

ז' תקט) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ג ר' שמואל הכהן פריעדמאן שליט"א** משבב"ק

## לויט די נייע גירסא "ויסר ממנו חרון אף"

ביים רבי'ן - **מרן רביה"ק הדברי יואל זלה"ה** - איז דאך יעדע רגע און תנועה געווען מלא חן דקדושה.

האבנדיג די זכי' בימי בחרותי מיטצוהאלטן די הייליגע שיעורים אין סוגיא אין די ישיבה - און שבועות ביים קרעפל פשט'ל אין ביהמ"ד - האב איך זוכה געווען צו קולט זיין מחנות של בושם פארשידענע זייטיגע ציצים ופרחים. אחת מהנה האב איך זיך דערמאנט פון יענעם שבועות וואס מ'האט געלערנט 'סוגיא דחדש'.

דער רבי האט געשטעלט א ריי מיט לומד'ישע קשיות אין די סוגיא, און בתחילת דבריו האט ער געזאגט אז אין די משנה אנהויב די סוגיא (קידושין ל"ו) שטייט אז דער ת"ק לערנט אז אלע '**מצות התלויות בארץ חובת** קרקע' גייט נאר אן אין ארץ ישראל, אויסער 'ערלה' און 'כלאים' וואס אפילו עס איז **תלוי' בארץ** גייט עס אן אויך אין חו"ל, רבי אליעזר אומר אף החדש, דער איסור פון '**חדש**' גייט אן אויך אין חו"ל, קומט אויס אז דער ת"ק לערנט אז צוויי **מצות התלויות בארץ** גייען אן אין חו"ל און ר' אליעזר לערנט אז עס איז דא דריי מצות.

שפעטער אין דף ל"ט פרעגט די גמרא אז מיר האבן געלערנט אז רבי אליעזר האלט אז ערלה איז נישט נוהג בחו"ל, און לפי רש"י און תוס' איז כלאים אויך נישט נוהג אין חו"ל, און לויטן צווייטן תי' פון תוס' איז כלאים בחו"ל נאר מדרבנן, ממילא וואס איז דער פשט פון 'רבי אליעזר אומר אף החדש' ענטפערט די גמרא '**תני חדש**', זאגט רש"י '**לא תתני אף**', מ'איז גורס אין די משנה נאר '**רבי אליעזר אומר חדש**'.

האט זיך דער רבי אנגערופן בצהלת פני קדשו "**עס זאל זיין ויסר ממנו חרון אף**"...

דערויף האט דער רבי ווייטער גלייך ממשיך געווען מיטן פשט'ל...

ז' תקי) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' שלום אליעזר פראנקעל הי"ו** גזבר קהל יט"ל

## א ברכה איז מער ווי אן הבטחה

איך האב געהערט פון א איד מאנ"ש הי"ו וואס האט געוואוינט אין אנטווערפן - הרה"ח ר' י.ב. הי"ו - ער האט זיך געמוטשעט מיט האבן קינדער ה"י, און ער האט געבעטן פון **פשעווארסקער רבי'ן כ"ק הרה"ק רבי יענקעלע זלה"ה** אז ער זאל אים מבטיח זיין א קינד.

הרה"ק רבי יענקעלע ז"ל פלעגט זייער שטארק אכטונג געבן נישט צו זאגן קיין הבטחות. איינמאל ווען דער איד האט זייער שטארק מפציר געווען פאר אן הבטחה, האט אים רבי יענקעלע געזאגט "הער מיך אויס, איך בין דער רבי און דו ביסט דער חסיד, אז איך זאג דיר צו אן הבטחה און עס ווערט נישט מקוים, בין איך אויס רבי און דו ביסט אויס חסיד, קומט אויס אז איך קען נאר דערלייגן, משא"כ אויב בין איך נישט מבטיח בלייבסטו מיר א חסיד... א ברכה קען איך דיר געבן, און איך גיי ארויס מיט ריווח, ממה נפשך, וועט עס מקוים ווערן קענסט עס לייגן אויף מיר, אויב ח"ו נישט האב איך דאך נישט צוגעזאגט..."

למעשה, א יאר דערויף האט ער געהאט א קינד למז"ט.

ז' תקיא) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' יושע מענדלאוויטש שליט"א** משבב"ק

## בצלו ישבתי ופריו מתוק לחכי (י')

עס איז געווען א איד מאנשי שלומינו, וועלכער האט געדארפט אוועקפארן פאר מסחר אין די מרחקים, און עס איז אויסגעקומען אז ער האט פארברענגט א לענגערע צייט אין ווייטע מדינות.

איז ער געקומען צו פארן צום רבי'ן זי"ע קיין בעלל-הארבער און ער האט געבעטן אז דער רבי זאל אים צואווייזן וואס ער זאל טון אז ער זאל האבן א שמירה ווילאנג ער געפונט זיך אין די מרחקים, זייענדיג זיכער אז דער רבי וועט אים זאגן אן ענין פון א סגולה וכדומה.

אבער דער רבי האט אים געזאגט די ווערטער "**זאלסט נזהר זיין צו דאווענען מעריב נאכ'ן זמן צאת הכוכבים**" (72 מינוט נאך די שקיעה).

עס איז בנותן טעם צו די הוראה פונעם רבי'ן ז"ל, לויט דעם וואס דער **תפארת שלמה** (פר' ויצא, ד"ה מה דאמרינן) איז מסביר דעם ענין פון 'תפילת ערבית רשות', אז יעקב אבינו האט אנגעוויזן אויף די עבודה פון קדש עצמך במותר לך, אז יעדער דבר הרשות זאל אויך זיין בקדושה, וואס דאס איז דורך די עבודה פון תפילת ערבית, (ומה"ט איז די דריטע ברכה פון שמו"ע פון 'אתה קדוש' מרומז קעגן יעקב אבינו.) ממילא האט דער רבי אנגעזאגט אז די עבודה און סגולה פון תפילת ערבית זאל זיין ווען עס איז שוין זיכער נאכט.

ב. עס איז געווען אמאל אנהויב ווינטער, ווען מ'האט גערוקט דעם זייגער פריער ווי געווענליך (ווייל עס איז געווען נאך א מלחמה, ווען די אראבישע מדינות האבן געמאכט א בויקאט און זיי האבן געגעבן ווייניג אויל פאר אמעריקע, און עס איז געווען א מאנגל אין געז, און די רעגירונג האט צוליב דעם פאראורדנט אז מ'זאל רוקן דעם זייגער באלד אנהויב ווינטער, כדי דער טאג זאל זיין קלענער) און די יונגעלייט וואס האבן געדארפט זיין ביי די ארבעט באלד אינדערפרי, האבן געוואלט וויסן ווען עס איז דער זמן פון

נתנדב לעילו נשמת אימא דמלכא הרבנית הצדיקת **פעסיל לאה** בת הגה"צ רבי **אהרן** זכרונה לברכה • היארצייט כ"ג תמוז •

'**משיכיר**' ווען מ'קען אנטון טלית ותפילין און זיך שטעלן דאווענען. מ'האט אנגעפרעגט ביי עטליכע רבנים, און עס איז געווען חילוקי דיעות צווישן זיי, און מ'האט נישט געוואוסט וואס צו טון למעשה.

איך בין דעמאלטס געווען ביים רבי'ן, און ביים שפאציר האב איך געפרעגט דעם רבי'ן וואס מ'קען זאגן אן הוראה קבועה פאר די יונגעלייט, וויפיל מינוט נאכ'ן עלות הייסט דער זמן פון '**משיכיר**', אז מ'זאל דעמאלטס קענען מאכן א ברכה אויפ'ן טלית.

זאגט מיר דער רבי "עס איז נישט שייך צו זאגן קיין זמן וויפיל מינוט נאכ'ן עלות עס איז '**משיכיר**' ס'שטייט דאך אין די גמרא אז דער זמן איז "**משיכיר את חברו**", ווען עס זאל זיין א זמן וואלטן חכמינו ז"ל געזאגט וויפיל 'מיל' נאכ'ן עלות עס איז דער זמן, אזוי ווי די גמרא האט געזאגט אנדערע זמנים לויט א שיעור, נאר זיי האבן דאס תולה געווען אינעם מציאות פון משיכיר את חבירו"...

ווען איך האב געזאגט פאר'ן רבי'ן אז טייל מורי הוראה זאגן 26 מינוט נאכן עלות, אנדערע זאגן 22 מינוט, האט דער רבי געזאגט "**אנדערע זאגן נאך פריער, אבער דער זמן איז 'משיכיר את חברו**"...

ז' תקיב) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' זלמן לייב שפילמאן הי"ו**

**מיצר בצרתן של ישראל**

כידוע צווישן דעם **ירושלימער רב הגה"ק רבי משה ארי' פריינד זצ"ל** אין דעם רבי'ן **מרן הגה"ק הברך משה זי"ע** האט געהערשט א גרויסע קירבה וידידות, וועלכע איז געקומען צום אויבערפלאך ביי מערערע געלעגנהייטן, ווי די צדיקים האבן זיך נאנט געהאלטן בעבותות אהבה.

אין חודש אייר שנת תשנ"ד לפ"ק האט דער **ירושלימ'ער רב** זצ"ל געוויילט דא אין ניו יארק לצורך רפואה, און ער האט געהאט זיין אכסניא אין וויליאמסבורג בבית הרבני הנגיד ר' יעקב נחמי' ברח"צ יאקאבאוויטש ע"ה.

איידער דער ירושלימ'ער האט געדארפט אהיים פארן איז דער רבי דער ברך משה געקומען אפגעבן א 'ביקור גומלין', אין שטוב פון בעל אכסניא אויף קליימער סט. דעמאלטס האב איך געלערנט אין כולל בהנהלת הרה"ג ר' **נפתלי הירצקא צוויבל** שליט"א, ווען דער רבי איז אנגעקומען איז ער אריבער מיטהאלטן דעם געהויבענעם באזוך, און איך בין דאן מיטגעגאנגען.

עס איז געווען א מחזה הוד צו זעהן ווי אזוי דער ירושלימע'ר רב איז געזעצן די גאנצע צייט מיט א שטארקע הכנעה פארן רבי'ן, טראצדעם וואס ער איז ער געווען עלטער פונעם רבי'ן, ער האט כמעט נישט גערעדט.

צווישן די זאכן וואס איך געדענק וואס דער רבי האט געזאגט ביי יענעם באזוך איז, אז משך די לעצטע צוויי וואכן האט געהאלטן אין איין רעגענען אן אויפהער, אבער די וואך וואס דער ירושלימ'ער רב איז אנגעקומען דאהי האט זיך די רעגענס אויפגעהערט אין ס'געווארן שיין אויסגעקלארט די וועטער, צוגעבנדיג "בזמן שהצדיק בעיר הוא הודה הוא זיוה הוא הדרה"...

דער רבי האט אין זיין שמועס אויסגערעכנט די זמנים וואס ער האט געהאט די זכי' זיך צו טרעפן מיט זיין זיידן **הגה"ק מנאסויד זי"ע**, דער רבי האט גערעדט פון איין פאל, און צוגעלייגט מיט א פשטות "ס'איז געווען דעמאלטס ווען ער האט זיך אויפגעשטעלט פאר מיר", און דער ירושלימער האט האט צוגעשטימט דערויף.

(אגב, ביי יענע באזוך נאכדעם וואס די צדיקים האבן טועם געווען, האט איינער וואס איז געשטאנען היבש אפגערוקט, דייקא געוואלט כאפן שריים פונעם טעלער פון ירושלימ'ער רב, יענער האט אויסגעשטרעקט די האנט פונדערווייטנס איבער דעם רבי'ן און אזוי געוואלט נעמען שריים, דער רבי וועלכע האט דאס אויפגעפאסט האט מיט זיין אייגענארטיגע פשטות זיך תיכף צוגעבויגן און ארויס גענומען שירים פונעם טעלער און איהם דאס אהין געגעבן, און דערנאך געטיילט פארן עולם.)

נאכן באזוך, האט דער ירושלימער רב ארויסבאגלייט דעם רבי'ן ארויס ביז צו דער גאס, און איז געבליבן שטיין אונטן ביי די טרעפ און געווארט ביז דער רבי מיט זיין שיירא זענען אנגעקומען צום עק גאס ביים ווינקל פון בעדפארד עוו. און דער רבי איז אהיים צופיס לביתו נאוה קודש. ווען דער רבי איז אנגעקומען צום עק גאס האט ער זיך אויסגעדרייט און צוריק געבליקט צום ירושלימער רב וועלכע האט די גאנצע צייט נאכגעקוקט דעם רבי'ן, און דער רבי האט געוואונקען מיט די האנט פארן רב ווי זיך צו געזעגענען מיט איהם...

תיכף דערנאך האט דער רבי געגעבן א פרעג דעם משב"ק, "ווען פארט דער ירושלימ'ער רב אהיים", האט ער געענטפערט 'מארגן דאנערשטאג', דער רבי האט דאן געפרעגט "אויף 'שבת' וועט ער שוין זיין אינדערהיים?", האט ער געענפערט אז יא.

אינמיטן וועג פרעגט דער רבי נאכאמאל "ווען פארט דער ירושלימער רב אהיים?" און ער האט געענפערט ווי פריער, דער רבי האט נאכאמאל געפרעגט "אויף שבת וועט ער שוין אינדערהיים?", האט ער געזאגט יא. און דער רבי האט זיך שטארק פארקלערט.

ווען דער רבי איז אנגעקומען אהיים, האט ער געפרעגט א 'דריטע מאל' "ווען פארט ירושלימער רב אהיים?" און ער האט געענטפערט 'דאנערשטאג'. דער רבי האט נאכאמאל געפרעגט "אויף שבת וועט ער שוין זיין אינדערהיים?". און ער האט באשטעטיגט אז יא.

ס'איז געווען זייער אויפפאלנד פאר די אנוועזנדע, וואס די רבי האט נאכאנאנד געהאלטן און איין פרעגן "ווען פארט דער ירושלימער רב אהיים?!" אין נאכאמאל קלאר געוואלט וויסן "צו אויף שבת וועט ער זיין אינדערהיים", אבער קיינער האט נישט געקלערט אז מ'קען דא עפעס אנדייטן.

למעשה יענעם דאנערשטאג אינדערפרי וואס דער ירושלימ'ער רב האט געדארפט אהיים פארן קיין ארץ ישראל, האט זיך דאס דאווענען ביים רב פארצויגן, און אלעס דערנאך האט געשפעטיגט.

ווען ס'איז געקומען די זמן וואס ס'איז געווען באשטימט ארויסצופארן צום לופט-פעלד איז שוין געווען גאר שפעט צו קענען כאפן דעם פליגער, די משמשים בקודש האבן געטון אלע מיטלען נאך אנצוקומען באצייטנס, אבער אונטערוועגנס פארנדיג צום לופטפעלד מיט איילעניש איז די קאר פון רב געווארן פארמישט אין א שווערן עקסידענט, די קאר איז געווארן אין גאנצן צו מזיק'ט, אין דער רב איז מיט נסי ניסים בחסדי שמים מרובים ארויס מיט גאר מילדע וואונדן, אבער ער האט געמוזט אריינגעפירט ווערן אין שפיטאל פאר אן איבערזוך און באהאנדלונגען.

כמובן איז דער געפלאנטע נסיעה אהיים צוריק קיין ארה"ק געווארן אפגעשטופט פאר נאך עטליכע טעג, ווען אינדערצווישן האט זיך דער רב אויפגעהאלטן אינעם ישוב סי-געיט אויף שב"ק, ווי ער איז אויך פארבליבן דארט דעם נאכפאלגנדן ל"ג בעומר, אין דערנאך צוריק געפארן בשלום קיין ירושלים עיה"ק.

די אלע וואס זענען מיטגעגאנגען מיטן רבי'ן נאכן ביקור גומלין ביים ירושלימ'ער רב, האבן דעמאלטס תופס געווען וואס דא איז פארגעקומען ווען די רבי האט זיך געהאלטן און איין זיך זארגן צו אויף שבת וועט ער שוין זיין אינדערהיים (ויצויין לשון הסה"ק נועם אלימלך פ' בשלח ד"ה או יאמר: ונ"ל ליתן טעם למצות לוי' כשהצדיק מלוה את חבירו הם מתקשרים זה בזה בקדושתם, ונעשים כאחד, וקדושתו של זה הצדיק העוסק בתורה בביתו הוא משמר את חבירו בדרך כאילו הוא עצמו עוסק בתורה, מחמת התקשרותם עכל"ק).

ז' תקיג) עס האט דערציילט אונזער עלטער זיידע

**הרה"ח ר' ישכר בעריש שווימער ע"ה**

**שולחן כדת ערוך...**

אונזער עלטער זיידע האט געהייסן **הרה"ח ר' אלטר שלמה פינחס טויב ע"ה**, ער האט געוואוינט אין א שטעטל וואס דארט האבן געוואוינט צוויי שוועסטערס יתומות, וואס האבן געהאט א רייכן ברודער אין אמעריקע, און ער פלעגט זיי שיקן סכומים געלט אז זיי זאלן האבן צום לעבן.

איינמאל האט זיי דער ברודער געשיקט א בריוו אין וועלכן ער האט זיי פארגעשלאגן אז זיי זאלן קומען וואוינען קיין אמעריקע נעבן אים, און אזוי וועלן זיי האבן די מעגליכקייט צו לעבן בהרחבה גדולה.

זיי זענען געפארן פרעגן בעצת קדשו פון **הרה"ק מהרי"ד מבעלזא זלה"ה**, אבער דער בעלזער רב האט נישט מסכים געווען אז זיי זאלן פארן קיין אמעריקע.

למעשה, איין שוועסטער האט געפאלגט און זי איז געבליבן וואוינען אין שטעטל, און די צווייטע האט נישט געפאלגט, און זי איז ארויסגעפארן מיט די שיף קיין אמעריקע, און די שיף איז ליידער נישט אנגעקומען צום ציהל.

די שוועסטער וואס איז געבליבן וואוינען אין שטעטל האט זיך געמוטשעט אויפן טאג טעגליכן, האט זי זיך פארדינגען אלס משרתת אין אידישע שטובער, און פון דעם האט זי פארדינט כדי מחייתה. זי איז געווען פול מיט ערליכקייט צניעות און יראת שמים ומידות טובות, אבער זייער ארים, זי האט נאר געלעבט פון איר שווערע ארבעט.

ביום מן הימים האט מען מציע געווען דאס מיידל פארן זיידן ר' אלטר שלמה פינחס. נאר היות דער זיידע האט זייער געוואלט בלייבן ביים לערנען נאך די חתונה. איז ער געפארן צום בעלזער רב פרעגן צי ער זאל טוהן דעם שידוך, אין די צייט וואס דאס מיידל האט נישט קיין געהעריגע מקור פאר פרנסה.

דער בעלזער רב האט געהייסן טוהן דעם שידוך, און ער האט מבטיח געווען אז "עס וועט אייך קיינמאל נישט פעלן קיין פרנסה"...

וכך הוה, זיי האבן חתונה געהאט און כל ימיהם האבן זיי געלעבט בהרחבה גדולה, און קיינמאל נישט געהאט קיין דאגת פרנסה, און זוכה געווען אויפצושטעלן א דור ישרים יבורך צווישן זיי מערערע בארימטע נגידים חשובים חסידים ואנשי מעשה.

**כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך:** צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת,
אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס"ד: ביטע רופט די מערכת Tellerkj@gmail.com/845-783-0735